## קאַפּיטל זעכצן

1 און די פּרושים און צדוקים זענען געקומען, כדי
אים אויסצופּרוּווּן, און האָבן פאַרלאַנגט, אַז ער
2 זאָל זיי ווייזן אַן אות מן השמים· ער אָבער האָט
ענטפערנדיק צו זיי געזאָגט: אין אָוונט זאָגט איר:
עס וועט זיין שיין וועטער, וואָרום דער הימל רויטלט
3 זיך; און אינדערפרי: היינט וועט זיין שטורמדיק,
וואָרום דער הימל רויטלט זיך און איז טריב· דאָס
אויסזעען פון הימל פאַרשטייט איר אונטערצושיידן;
נאָר די צייכנס פון דער צייט קענט איר נישט!
4 אַ בייז און נואפדיק דור פאַרלאַנגט אַ צייכן; און
קיין צייכן וועט אים נישט געגעבן ווערן, אַחוץ דאָס
צייכן פון יונה· און ער האָט זיי איבערגעלאָזט, און
איז אַוועקגעגאַנגען·
5 און די תלמידים זענען אַריבערגעקומען אויף
יענער זייט ים, און האָבן פאַרגעסן מיטצונעמען
6 ברויט· און ישוע האָט צו זיי געזאָגט: גיט אַכטונג
און היט זיך פאַרן זויערטייג פון די פּרושים און
7 צדוקים· און זיי האָבן עס איבערגעלייגט צווישן זיך,
און געזאָגט: דאָס איז ווייל מיר האָבן נישט מיטגענו־
8 מען קיין ברויט· און ווען ישוע האָט זיך דערוואוסט,
האָט ער געזאָגט: אָ, איר קליינגלויביקע, וואָס רעדט
איר צווישן זיך, ווייל איר האָט נישט קיין ברויט?
9 פאַרשטייט איר נאָך נישט, און געדענקט איר נישט
די פינף ברויט פון די פינף טויזנט, און וויפל קערב
10 איר האָט אויפגעהויבן? אויך נישט די זיבן ברויט
פאַר די פיר טויזנט, און וויפל גרויסע קערב איר
11 האָט אויפגעהויבן? ווי קומט עס, וואָס איר פאַרשטייט
נישט, אַז איך האָב נישט גערעדט צו אייך פון
ברויט? היט אייך אָבער פאַרן זויערטייג פון די